# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ו' גליון קפ"ה | בהעלותך - שלח תשפ"ה לפ"ק


"תן לי את הרכוש, ואת הנפש קח לך"

# קאפיטולירט!

## חרדי'שע פארטייען צו שאנד און שפאט ווען זיי ברעכן זיך ווידער, ראטעווען נתניהו'ס קאאליציע אין לעצטע מינוט

- טראץ באמבאסטישע סטראשערייען, האבן ש"ס, דגל התורה, און איין חבר כנסת המינים פון אגודת ישראל געשטימט קעגן פארשלאג צו אומווארפן רעגירונג
- פלאן פון נייעם 'חוק הגיוס' וועט אנטהאלטן שרעקליך-הויכע 'יעדים' און 'מכסות'; וועט ארויפלייגן שווערע סאנקציעס אויף יעדן לומד תורה

דעטאלן פון נייעם שרעקליכן געזעץ ~ **יעדים:** 4,800 אין ערשטן יאר, 5,700 אין צווייטן יאר, ביז פינף יאר 50% פון אלע חרדים! היל"ת; **זאפארטיגע סאנקציעס:** יעדער בחור וואס גייט נישט אין מיליטער וועט נישט קענען ארויספארן פון מדינה, וועט פארלירן טיילווייז די מעגליכקייט פון נעמען דרייווערס לייסענס; **שטייגנדע סאנקציעס:** אויב מ'קומט נישט נאך 50% פון יעדים ביז א האלב יאר, וועלן ישיבות פארלירן דאס געלט, און יונגעלייט וועלן פארלירן בעיביסיטינג געלטער; אויב קומט מען נישט נאך די יעדים אין צווייטן יאר, וועט מען פארלירן פארשידענע שטייער הנחות און בענעפיטן; **ביטול החוק:** אויב ביז 4 יאר קומט מען נישט נאך די יעדים, ווערט געזעץ גענצליך בטל

**ווייטאגליכער ליצנות, ווען ערוואַרטעטער 'חוק' אויף וואס זיי קעמפן מיט ציין און נעגל, וועט אנטהאלטן שוידערליכע ווייטגרייכנדע פשרות און ויתורים, און דאסמאל מיט אַן אפיציעלע 'הסכמה' פון חרדי'שע פארטייען — תוצאותיו מי ישורנה**

---

**הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו:**

## דראמאטישער באפעל פון ציוני'סטישע אטוירני דזשענעראל מיארא צו זיכערהייטס מיניסטער אפצושיקן 'צווי גיוס' צו אלע זעכציג טויזנט בחורי הישיבות!



מיליטער שיקט ארויס ווייטאגליך בילד ווי מען האט פאקטיש אנגעהויבן אנגרייטן די צענדליגער טויזנטער צווי גיוס

מרשעת באפוילן אז 'מער נישטא קיין צעגערייען', מען שיקט זאפארט ארויס פאר אלע בחורים אן אויסנאם — מיליטער מעלדט אויך אז זיי גרייטן זיך אויף אגרעסיווע צוואנגס-מיטלען קעגן בני הישיבות, ח"ו היל"ת — מצילי היהדות החרדית אין מרכז עזרה ויעוץ גרייטן זיך אויף שטורמישע מאסן-ווענדונגען, ולד' הישועה

---

**זה לעומת זה:**

"סאטמארער עסקנים" מיט עקשנות דקדושה:

## יעדער בחור גייט געראטעוועט ווערן פון מיליטער! מיר גייען זיך נישט אפשטעלן, טון אלעס וואס מעגליך בעז"ה!



**מאסיווער כינוס לשם שמים דורך סאטמארער עסקנים באזע אפגעהאלטן אין קרית יואל, אין ליכט פון ברענענדיגן גזירת הגיוס, לטכס עצה וויאזוי צו הייבן פעולות הצלה**

זעט פולער באריכט אויף זייט 4

---



כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א מיט פייערדיגע דברות קודש:

## מיר האבן מער מורא פון ציוני'סטישע גזירות קעגן בני הישיבות ווי פון איראַן'ס אטאם באמבע!

ביי כינוס פון אברכי הכוללים "תשובות והנהגות" פונעם רב שליט"א

משה יודא יואל ווייס

# קאמף קעגן טריפה'נע שקאלעם אין ארה"ק



**פארזעצונג פון פריער:**

אויפ'ן ארט פון הרב קובו ז"ל, ווערט אויפגענומען הגאון חיים ניסים אבולעפיא אלס "חכם באשי" און "ראשון לציון", ווערנדיג געשטעלט אין שפיץ פון די ספרדי'שע געמיינדע אין ירושלים עיה"ק, אבער ער האט נישט אזוי גוט געלעבט מיט די פירער פון די אשכנזים אין לאנד. לודוויג אויגוסט פראנקל באשליסט צו פאררופן אַן אסיפה אין שטוב פונעם חכם באשי, הרב אבולעפיא.

**און אצינד ליינט ווייטער:**

אַן אפיציעלע אסיפה אין שטוב פונעם חכם באשי האבן די אשכנזי'שע געמיינדע פירער נישט געקענט, און נישט געוואלט, איגנארירן.

ווען פראנקל האט זיך געוואלט נעמען פארלייגן זיין פלאן, מ'וועט אויפשטעלן א העבריליכע תלמוד תורה, מיט די בעסטע צוגעהערן, ער דארף 'נאר' אז מ'זאל דארט 'אויך' לערנען עטליכע שעה לימודי חול, און 'צוגרייטן די קינדער פאר די גרויסע וועלט ווען זיי וועלן אויפוואקסן'.

ער האט אבער קוים געקענט קומען צום ווארט, ווען די חסידי ירושלים האבן זיך גענומען ליארעמען. ספעציעל האט אנגעהויבן שרייען קולות הגה"ק רבי ישעי' בארדאקי זצ"ל, פון די גדולי ירושלים אין יענער תקופה. "ווער האט דיך געבעטן אונז צו קומען 'העלפן'? דו האסט געזען איין יונגל אין ירושלים וואס האט נישט קיין חדר? אונזערע אייגענע חדרים זענען דיר נישט גענוג גוט?!".

נאך ענליכע סענטימענטן האט ער צוגעלייגט, "דו קומסט דא רעדן פאר אחינו הספרדים, ווייל זיי זענען נישט גענוג באקאנט מיט די משכיל'ישע טאקטיקן. איך האב געזען דיין קונטרס "קול מבשר", מ'זעט ווי ס'איז "משה מענדלסאן מדבר מתוך גרונך", אנגעפיקעוועט מיט השכלה און רעפארם, אונטער'ן שלייער פון 'בעסער מאכן'.

## ערשטער שפאלט

ווען פראנקל האט געזען 'כי כלתה אליו הרעה'. מ'גייט אים נישט אזוי גרינג נאכגעבן זיין פארלאנג, האט ער ארויסגענומען פון שופלאד אַן אלטע משכיל'ישע טאקטיק:

"לאמיר מאכן וואלן!" - ער האט גוט געוואוסט אז צווישן די ספרדים איז דא אסאך וואס קוקן נישט אויף אים מיט אזא פארדאכט, און די ספרדים זענען נאך דאן געווען א רוב אין ירושלים.

ער האט אויך פארשטאנען אז אפילו צווישן די אשכנזים וועלן זיין אזעלכע וואס וועלן זיך ברעכן פאר אים, צי ווייל ער קומט מיט פילע טאשן, צי וועגן זיינע נאנטע באציאונגען מיט'ן עסטרייכישן קאנסולאט - וואס פאר די אידן פון עסטרייך און דייטשלאנד איז צוטריט צום עסטרייכישן קאנסול געווען קריטיש וויכטיג, מ'האט פשוט נישט געקענט אנגיין אָן דעם.

די אשכנזי'שע פירער האבן שוין געקענט די סארט טאקטיקן, און זיי האבן אלע ווי איינער זיך אויפגעהויבן און פארלאזט דעם הויז פונעם חכם באשי.

ליידער האט אבער דער שטן מצליח געווען, און די ספרדי'שע רבנים זענען יא געבליבן דארט זיצן! דא האט זיך אנגעהויבן דער ערשטער שפאלט אין די ירושלים'ער הייליגע חומה.

## אַן אפמאך מיט'ן שלאנג

ווי גזעאגט, די ספרדי'שע רבנים זענען נאך ווייט נישט געווען באהאוונט מיט די שרעקליכע תוצאות וואס פאסירט ווען מען עפנט אויף דעם קלענסטן שפאלט און מ'לאזט אריין דארט די משכילים [און, למען האמת, גענוג אשכנזי'שע רבנים האבן עס במשך די יארן אויך נישט געהעריג פארשטאנען... ביז ווען מ'האט זיך ליידער אזוי ביטער אפגעבריט און פארלוירן ריזיגע שטיקער פון כלל ישראל צו דעם צרעת הממארת. און צומאל האבן זיי אפילו דאן עס נאכנישט גענוג קלאר ארויסגעהאט.]

אויך האט געשפילט א ראלע די אנגייענדע קריגערייען און פארדאכט פון איין עדה צו די צווייטע, אזוי אז פראנקל האט עס פרובירט אראפצומאלן פאר די ספרדים כאילו די אשכנזים זענען נאר ברוגז אויף זיין צוזאמענארבעט מיט די ספרדים און דעם חכם באשי... עפעס וואס האט זיך פאר זיי גוט פארקויפט.

פון די אנדערע זייט זענען זיי פארט געווען ערליכע רבנים, און זיי האבן געזען די שארפקייט פון די אשכנזי'שע גדולים - וועמען זיי האבן אויך געשעצט און ארויסגעהאט זייער גדלות - האבן זיי געטראכט אז זיי וועלן זיך 'באווארענען' קעגן סיי וועלכע שטרויכלונגען.

זיי האבן פארגעשריבן א פונקטליכן "שטר הסכם", אין וועלכן זיי האבן געפאדערט פון פראנקל ער זאל זיך אונטערנעמען אז די תלמוד תורה אין ירושלים וועט געפירט ווערן נאר בדרך התורה והמסורה. ער וועט נישט אריינברענגען דא גארנישט פון די אלע שרעקליכע שינויים וואס די משכילים האבן איינגעשטעלט אין אייראפע, א שטייגער ווי אויסרייסן גאנצע שטיקער פון דאווענען (אלע חלקים פון שיבת ציון וירושלים) אד"ג.

פראנקל האט מיט אַן ערנסטן מינע אויף זיין געזיכט איבערגעלייענט דעם שטר, ווען ער ליינט איבער ווארט פאר ווארט און שאקלט צו מיט'ן קאפ, זיכער איז ער גרייט אלעס אונטערצונעמען, ער וועט טון אלעס וואס די רבנים וועלן הייסן, זיי וועלן זיין בעל הבית אין תלמוד תורה, ער וועט נאר זיין דער וואס וועט ברענגען דאס געלט.

מצד די ספרדים האט אונטערגעשריבן הרה"ג ר' אליהו יעקב ניסים ז"ל.

ויצא העגל הזה!

## על חומותיך ירושלים

פאר די ערליכע ירושלים'ער אידן איז דאס געווען אַן אויסטערלישער פראסק, זיי האבן נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטון.

פראנקל פון זיין זייט האט נישט געצעגערט. ער האט תיכף ומיד אויפגעשטעלט זיין 'חדר', וואס ער האט א נאמען געגעבן "בית ספר למל", אויפ'ן נאמען פונעם משכיל'ישן גביר אין ווין, שמעון אדלער-לעמל, וואס זיין טאכטער האט אויסגעצאלט פאר פראנקל אלע הוצאות צו קענען אויפשטעלן אזא פארשאלטענעם בית חינוך.

ער האט אריינבאקומען עטליכע קינדער פון שוואכע שטיבער, יתומים, אד"ג, און דאס אויך בעיקר פון ספרדי'שע היימען.

פון די אנדערע זייט האט ער אויפגענומען גוט-באצאלטע לערערס, צוגעשטעלט א שיינע געביידע מיט לופטיגע קלאס-צימערן, און - א גאר וויכטיגע זאך אין די הונגעריגע ירושלים - ער האט געמאלדן אז ער וועט צושטעלן מיטאג פאר די קינדער אין חדר אז זיי זאלן נישט בלייבן הונגעריג.

די ערליכע ירושלים האט עס נישט אראפגעשלינגען, וואס א טאג שפעטער אלס היציגער איז געווארן דער מצב. פראנקל האט געארבעט אריינצושלעפן קינד נאך קינד, און מ'האט זיך אנגעהויבן ארומזען אז מ'קען נישט בלייבן גלייכגילטיג, מ'מוז ארויסקומען גאר שארף.

(פארזעצונג קומט אי"ה)

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ"י משנתו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

# דער 'רב' דער עם-הארץ...

אט א מעשה, פארלאפן אין די לעצטע וואכן;

א יונגערמאן וועלכער איז לעצטנס ארעסטירט געווארן האט באקומען א פארלאנג זיך צו שטעלן צום מיליטער צוויי וואכן נאך די באפרייאונג. פון א קורצע אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס קומט אויס אז ער דארף זיך שטעלן דינסטאג, אסרו חג שבועות (אין ארה"ק, צווייטער טאג יו"ט אין חו"ל).

ווען הר"ר שמעון שישא שליט"א האט דערפון געהערט, האט ער אנגעוויזן דעם יונגערמאן ער זאל לאזן וויסן אז ער קען דעמאלטס נישט קומען, וויבאלד עס געפאלט אויס אום יום טוב שני של גליות, און ער איז א תושב חוץ לארץ, וויייניגסטנס פאר יעצט...

דער יונגערמאן האט אזוי געטון, אבער נאכ'ן נישט באקומען קיין ענטפער, האט ער אויפגעהויבן א טעלעפאן צום מיליטער, און ער מעלדעט זיי אז ער וועט נישט קענען קומען דינסטאג. דער סאלדאט פונעם אנדערן זייט טרייבל וויל אבער נישט הערן קיין תירוצים: "עס איז נישטא אזא זאך, דו קומסט דינסטאג!", שרייט ער.

דער יונגערמאן עקשנ'ט זיך אבער: "דו ווילסט איך זאל מחלל יום טוב זיין?! פון וואס רעדסטו דא בכלל?!".

עס העלפט נישט גארנישט. זיי שטייען ווייטער אויף זייערס, און ער מוז זיך שטעלן דינסטאג. נו, וואס טוט מען? מען נעמט ארויף ר' שמעון שישא אויפן טעלעפאן ליניע, אולי ער וועט קענען באאיינפלוסן דעם סאלדאט.

"גיב א קוק" זאגט ר' שמעון צום באאמטער, "דו ווילסט אז די גאנצע פרעסע זאל שטורעמען אז איר האט געצווינגען א חרדי צו מחלל יום טוב זיין? איך קען דיר געשווינד ערלעדיגן אזא פעסטיוואל..."

דער סאלדאט האט אנגעפאנגען שטאמלען, "איך ווייס נישט וואס דו ווילסט, ביי מיר שטייט אויפגעשריבן אז יום טוב איז זונטאג און מאנטאג, נישט דינסטאג". ערקלערט אים ר' שמעון "זונטאג איז ערב יום טוב, מאנטאג איז יום טוב, און דינסטאג איז יום טוב שני".

שוין, גיי לערן מיט א ציוני ברטנורא... ער איז שוין אינגאנצן צומישט, "לאמיר דיך געבן צו רעדן מיט'ן מיליטערישן ראביי, אפשר ער וועט דיר קענען העלפן", ענטפערט ער ר' שמעונ'ען.

ר' שמעון האט גערופן צום מיליטערישן 'רב' און אים ערקלערט די גאנצע מעשה, "אבער איך פארשטיי נישט" האט זיך דער 'רב' געקראצט זיין קליין מזרחי'סטיש קאפל אויפ'ן קאפ, "וואס איז טייטש יום טוב שני של גליות?! ער איז דאך אין ארץ ישראל?".

זאגט אים ר' שמעון "ריכטיג, אבער ער איז נאכאלץ מחויב צו היטן דעם צווייטן טאג יום טוב, ער איז א חוץ לארצ'דיגער". אבער דער חכם פארשטייט ווייטער נישט "אויב איז ער א חוץ לארצ'דיגער, וואלט ער דאך נישט באפוילן געווארן צו קומען זיך רעקרוטירן צום מיליטער?".

"וועל איך דיר ערקלערן" רעדט מען צו אים ווי צו א קינד פון כיתה א', "דער יונגערמאן איז אן איזראעלי בירגער, אבער ער האט חתונה געהאט אין חוץ לארץ, און יעצט וואוינט ער דא, און ביזדערווייל האט ער נאכנישט באשלאסן אויב ער זאל בלייבן וואוינען דא אדער ער זאל גיין וואוינען אין חוץ לארץ".

דא האט ר' שמעון אנגעפאנגען דרייען מיט'ן פינגער מיט חידושי חידושים של הלכות, "דעריבער האבן אים די רבנים געהייסן אז פון איין זייט זאל ער לייגן תפילין בצנעא, און פון די אנדערע זייט זאל ער היטן יום טוב און נישט טון קיין מלאכה, דו האסט קיינמאל נישט געהערט פון אזא הלכה?"...

נו, א 'רב' זאל נישט האבן געהערט אן הלכה? נע, נישטא אזאנס... "יא, זיכער! אזוי איז דאך די הלכה" צייגט ער זיין אויסטערלישער גאונות און בקיאות. "איך פארשטיי וואס דו זאגסט"... און דער יונגערמאן איז אויפדערווייל באפרייט געווארן פון קומען זיך שטעלן צום פארלאנגטן טאג...

עת לעשות לד' הפר"ו תורתך.

# פלאם ביי תושבי השכונות אין 'קרית יואל המורחבת' פאר'ן הייליגן רבי'נס מוסד "קרן הצלה"

רבני השכונות טרעטן אויף ביי פרקי אבות און ביי רעוא דרעוין, פאדערן פונעם ציבור אויפצואווארעמען דעם סאטמארן פונק און זיך אנשליסן בסיוע שיש בו ממש פארן הייליגן מפעל – ראש הגבאים אין קרית יואל הר"ר **זלמן פרידריך** שליט"א טרעט אויף מיט ווארימע דרשות אין עטליכע שכונות – זעלטענער ווארעמקייט ביים ציבור למען משאת נפשו של רביה"ק זי"ע, זעט זיך אן אין די נאכפאלגנדע וואכנטעג מיט הערליכע ביישטייערונגען

## ה' ילחם לכם:

# פרישער מיליטערישער פרוואו שווערער צו מאכן פאר בחורי ישראל, לאזט זיך אויס מיט קנאקעדיגן דורכפאל!

נאך ווי געמאלדן אין לעצטן גליון איבער פרוואו פון מיליטער אפצוהאלטן ארעסטירטע בחורים אין מיליטערישע באזע אויך נאכקן באפרייט ווערן פון טורמע, האבן זיי די וואך פרובירט א פרישע טאקטיק; ארעסטירטע בני ישיבות וועלכע זענען געווארן ארויסגעלאזט געווארן מיט 'תנאי' צו קומען דינען אין מיליטער, זענען באפוילן געווארן צו פארבלייבן איבערשלאפן די נאכט אינעם מיליטערישן 'בקו"ם' טורמע

**עלף! ארעסטירטע בחורים במשך פארלאפענעם זונטאג נאכט, פון חסיד'ישע און ספרד'ישע קרייזן, באפוילן געווארן צו פארבלייבן איבערשלאפן, אבער רוב פון זיי זענען מיסטעריעז 'פארשוואונדן' געווארן מיט די ריכטיגע הדרכה...**

די ישועה מן השמים האט אבער נישט געשפעטיגט צו קומען, ווען מאנטאג אויפדערנאכט, האט א פרייער אום-סטאבילער ארעסטאנט געמאכט 'סדר' אויפ'ן ארט במשך די נאכט, צעבראכן אלע כלים און חרוב געמאכט דאס פלאץ, אזש אויף צומארגנס דינסטאג ווען די נאכט איז צוגעפאלן, האבן די באאמטע 'פארטריבן' די ארעסטירטע, שוין נישט ווילנדיג פריש איינשטעלן אויף נאך אזא לעבעדיגע נאכט...

**עס איז שטארק צום האפן, אז מיט דעם איז דער פרישער פרוואו צו צעברעכן בחורי ישראל, גענצליך פאראיבער – עוצו עצה ותופר**

"סאטמארער עסקנים" מיט אן עקשנות דקדושה:

# מאסיווער כינוס לשם שמים דורך סאטמארער עסקנים באזע אפגעהאלטן אין קרית יואל דערקלערט מיט פאטאס: יעדער בחור גייט געראטעוועט ווערן פון מיליטער! מיר וועלן טון אלעס וואס נאר מעגליך בעז"ה!

**אין ליכט פון ברענענדיגן גזירת הגיוס, זענען ראשי העסקנים מטכס עצה וויאזוי צו הייבן פעולות הקודש למען הצלת בחורי ישראל משמד הגיוס – פרישע פלענער און מהלכים פארגעלייגט געווארן וויאזוי מען וועט בעז"ה אין די קומענדיגע תקופה דראסטיש פארברייטערן די פעולות ההצלה אין צייט פון קריטישער נויט**







- פייערדיגע ווערטער בחובת השעה געהערט דורך הגה"צ רבי **יואל טייטלבוים** שליט"א בן כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א ורב דביהמ"ד בית ברוך, **איבער 'קלארן דעת' פון א סאטמארער חסיד**, וועלכער ווערט נישט פארבלענדעט נאך תאוות הכבוד והממון וואס באגלייט די פארטייען
- **"דעריבער זענען סאטמארער חסידים די איינציגע וועלכע זארגן זיך פאר בחורי ישראל פון 'אלע' קרייזן"**
- בארימטער שריפט-שטעלער הר"ר **משה יודא יואל ווייס** שליט"א, עורך מאמר הנפלא 'קאמף קעגן טריפה'נע שקלעס' בגליונינו, גיבט אראפ **ברייטער איבערזיכט איבער גזירת הגיוס**, היסטארישע דעטאלן פון אמאל ביז היינטיגער ביטערער מציאות
- בעיני ראיתי: פערזענליכע עדות'שאפט דורך הרב בנש"ק ר' **שלום צבי אדלער** שליט"א נכד הרה"ק בעל מאור ישראל מסקולען זצ"ל, נאכ'ן באגלייטן

ראש מצילי 'מרכז עזרה ויעוץ' הר"ר שמעון שישא א לענגערע תקופה אויף די פעולות ההצלה – לייגט אראפ דעם קרוב צו **24 שעה'דיגער סדר היום**

- שיינער אריינפיר פון יו"ר, העסקן הר"ר **שלמה מנשה פאלקאוויטש** הי"ו
- הר"ר **שמעון וויינבערגער** מראשי העסקנים גארטלט אונטער דעם ציבור **צו זיין גרייט למערכה אדירה**, אויפצוהייבן פעולות הקודש אויף א מאסשטאבליכער פארנעם, למען הצלת אלפי בחורי ישראל

---

שומו שמים! 'גיוס בנות' אין א.ג. 'חרדי'שע' אפטיילונג!

## עטליכע פרויען פון מכלומר'שט 'חרדי'שע סאלדאטן' ווערן רעקרוטירט צום טמא'נעם מיליטער, מיט'ן חשבון צו דינען אין א.ג. 'פרומע' חשמונאים בריגאדע

זייער אנשליסונג איז אפגעהאלטן געווארן לעצט-מינוטיג, נאך שטורעם וואס איז אנטשטאנען אין פרייע פרעסע, אז מ'גיבט 'ספעציעלע טובות' פאר 'חרדים', אבער צייגט קלאר אין וועלכע דירעקציע די 'ערליכע בריגאדע' ווערט געפירט – טוב שבנחשים רצוץ את מוחו

---


ברכת מזלא טבא אל מול ידידינו החשובים

עסקנים נמרצים לטובת "מרכז עזרה ויעוץ" בעיר מאנטרעאל

הר"ר אהרן הערש שרייבער הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

הר"ר יצחק שווארטץ הי"ו
משמש בביהמ"ד הגדול סאטמאר-מאנטרעאל
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר מאיר נפתלי פערל הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

הר"ר אליעזר ווייזער הי"ו
עסקן נמרץ למען 'מרכז עזרה ויעוץ'
לרגל הולדת בתו למז"ט

הר"ר שלום ברייער הי"ו
עסקן נמרץ למען 'מרכז עזרה ויעוץ'
לרגל הולדת בנו למז"ט

יה"ר שאך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם, ויזכו להמשיך בפעולותיהם הברוכות ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא

**זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי**

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227


להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com